ווערט דורך אייך געלעסטערט צווישן די פעלקער,
25 אַזוי ווי עס שטייט געשריבן. (ישעיה נב׳ ה׳) וואָרום
דאָס געמלט זיין האָט טאַקע אַ ווערט, אויב דו טוסט
וואָס די תורה זאָגט; אָבער אויב דו ביסט עובר די
26 תורה איז דיין מילה געוואָרן אַן ערלה. דעריבער,
ווען דער נישט־געמלטער וועט אָפּהיטן די משפּטים
פון דער תורה, צי וועט אים דען נישט זיין ערלה
27 פאַררעכנט ווערן צו מילה? און וועט דער מן־הטבע
נישט־געמלטער, וואָס איז מקיים די תורה, דיך נישט
משפּטן, וואָס האָסט דאָס אות און די מילה און ביסט
28 עובר די תורה? ווייל נישט דער איז אַ ייִד, וואָס
איז (אַ ייִד) אויסערלעך, מילה איז אויך נישט דאָס,
וואָס איז בלויז אויסערלעך אינעם גוף; נאָר אַ ייִד
29 איז דער, וואָס איז אינערלעך אַזעלכער, און מילה
איז אינעם האַרצן לויטן גייסט, נישט לויט דעם אות,
וועמעס לויב איז נישט פון מענטשן, נאָר פון ג־ט.

## קאַפּיטל דריי

1 דעריבער, וואָס פאַר אַ מעלה האָט דער ייִד,
2 אָדער וואָס איז דער נוצן פון דער מילה? אַ סך
אויף יעדן פאַל:—קודם־כל טאַקע ווייל צו זיי (די
ייִדן) איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דאָס וואָס ג־ט האָט
3 גערעדט; און אויב אַ טייל האָבן נישט געגלויבט, וואָס
מאַכט עס דען אויס? צי מאַכט דען זייער אומגלויבן
4 צונישט די געטריישאַפט פון ג־ט? חס ושלום! זאָל
זיך ג־ט אַרויסווייזן אַלס וואָרהאַפטיק און יעדער
מענטש אַ ליגנער, ווי עס שטייט געשריבן:

כדי דו זאָלסט זיין גערעכט אין דיינע רייד
און זיגן ווען דו ווערסט געמשפּט.

(תהלים נא׳ ה׳)